פולע טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע זעה 3-טע זייט
Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.
NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראשן | היינט 10 זייטען

# נייעס פאלקסבלאט

№ 72 | Łódź, Czwartek 24 marca 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, ט"ז אדר ב' תרצ"ב | № 72

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# בעגרענצונג פון ערד-איינקויף אין א"י
## היינט איז אונטערגעשריבען געווארען דאס געזעץ

לאנדאן, 23. (ספ.) דער א"י הויך-קאמיסאר סער ארטור וואוקאפ האט אונטערגעשריבען דעם געזעץ וועגען ערד-איינקויף אין ארץ-ישראל.

דאס דאזיגע געזעץ איז פארעפענטליכט געווארען אין לאנדאן דעם פאריגען יאהר און האט ארויסגערופען שארפע פראטעסטען מצד די ציוניסטען.

איצט גייט דאס געזעץ אריין אין קראפט.

דאס געזעץ בעפולמעכטיגט ספעציעלע קאמיסארען צו ארויסגעבען פעראָרדענונגען מכוח ערד-בעזיץ אין פאלען ווען ס'זאלען פארקומען סכסוכים צווישען צדדים, וועלכע קאנען שטערען די עפענטליכע רוה.

## די נויטווענדיגקייט פון אן ענגליש-פראנצויזישען הסכם

פאריז, 23. (ספ. טעל.) נעכטען איז אין קאלע פארגעקומען א קאנפערענץ פון דער דאר-טיגער רעפובליקאנישער פעדעראציע.

דער דעפוטירטער איבער נעגארעי, מיטגליד פונ'ם הויפט-ראט פון דער פראנצויזישער רעפובליקאנישער פעדעראציע האט געהאלטען א רעפעראט וועגען דער סיטואציע.

לויט דעם רעפערענטס מיינונג איז גאר קיין ספק נישט, אז די איצטיגע פערוויקלונגען אין דער פאליטיק האבען אלס יסוד די אפגעשוואכטע פראנצויזיש-ענגלישע פערשטענדיגונג.

ווען די בעציהונגען צווישען די ביידע לענדער וואלטען בעת'ן שלום געווען דיזעלבע, וואס בעת'ן קריג, וואלט זיך די סיטואציע אויפ'ן פאליטישען האריזאנט פון אייראפע לחלוטין אנדערש פארגעשטעלט.

פון דעם שלום-שליסונג האבען דריי ענגלישע מלוכה-מענער געארבייט איבער דער אפשוואכונג פון די ענגליש-פראנצויזישע בעציהונגען: לאיד דזשארדזש, לארד ד'אבערנאן און מאנטאגי נארמאן. אונטער זייער ווירקונג האט די רעגירונג פון דער ליבאר-פארטיי און די באנקירען „געשטעלט א קארט געגען פראנקרייך. — דער ווידערבוי פון דייטשלאנד אין איהר אמאליגען רוהם און עשירות" די פראנצויזען — האט דער רעפערענט דערקלערט — דארפען דעריבער אנווענדען אלע בעמיהונגען, און נישט אויסמיידען יעדען מיטעל, כדי אויפסנייאנצוקניפען דעם ענגען קאנטאקט, ווי ס'איז געווען אמאל און בענייען די פריינדשאפט, וואס איז דאך זיך די איינציגע גאראנטיע פון ארדענונג און פרידען אין אייראפע.



דער דייטשער דיכטער גערהארדט הויפטמאן וועלכער געפינט זיך איצט אין אמעריקא, איז אויף גענומען געווארען דורך פרעזידענט הובער.

## דער פראנצויזישער בודזשעט
### אויף דארט ווערט דער זאך לעכערדיג

פאריז, 23. (ספ. טעל.) רעדענדיג וועגען די אויסזיכטען אויף דער צוקונפט, האט דער ביורא-דזשעט-רעפערענט, סענ. גארדעי, צ. א. פעסטגעשטעלט, אז די פינאנציעלע לאגע פון פראנקרייך וועט זיך פערערגער'ען, אויב עס וועלען בעצייטענס נישט אונטערגענומען ווער'ען קיין ראדיקאלע מיטלען. דער פרעלימינאר-בודזשעט אויפ'ן יאהר 1932[33 ווייזט ארויס א דעפיציט פון 6 ביז 7 מיליארד פראנק. מחמת די הכנסות וועלען בשום אופן נישט דעקען די דאזיגע סומע — מיינט דער רעפערענט, אז דער איינציגער רעטונגס-מיטעל קאן זיין די בעגרעניצונג פון די הוצאות.

## דער פרעמיער טארדיע האט אויפגענומען
### די מיניסטארען זאלעסקי, זאוואדזקי און דעם אמבאסאדאר כאלאפאווסקי

פאריז, 23 (ספ. טעל.) דער פרעמיער טארדיע האט אויפגענומען דעם מיניסטער זאלעסקי, דעם מיניסטער זאוואדזקי און דעם אמבאסאדאר כאלאפאווסקי.

## דער בודזשעט פון דייטשלאנד

בערלין, 23 (ספ. טעל.) דער בודזשעט פון דייטשלאנד אויפן יאהר 1932 וועט בעטרעפען 8 און א האלבען מיליארד מארק, ד. ה קרוב אויף א מיליארד וועניגער, ווי אין יאהר 1931.

## קלאנגען וועגען א מאראטאריום
### פון די פראצענטער פון די דייטשע אויסלאנד-חובות

בערלין, 23. (ספ. טעל.) אויף די בערזעס פון ניו-יארק, לאנדאן און בערלין האבען קורסירט קלאנגען, אז די דייטשע רעגירונג זאל האבען בדעה צו ערקלער'ען א מאראטאריום פאר די פראצענטער פון די דייטשע אויסלאנד-חובות, אדער ארויסגעבען א פעראָרדענונג צו אפלייגען אויף א געוויסער צייט זייער אמארטיזאציע.

בערלינער מאסגעבענדע קרייזען טייטשען אויס דעם קלאנג דערמיט, וואס די דייטשע רייכסבאנק זאגט אפ שוין עטליכע וואכען ארויסצוגעבען דעוויזען אויף צו צאהלען פראצענטער פון די אויסלענדישע הלוואות, וועלכע זענען פראצענטירט אויף העכער פון 7 פראצענט.

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער פריינד אין שוואגער
מלך וויינבערג און פרוי
צו די תנאים פון זייער ליבען זוהן
יעקב מיט פרל. פילא זונשיין
בעריש גאלדבערג און פרוי.

1004
קאנקורס
אויף א רבנות-אמט אין ווידאווע
פערעפענטליכט די יודישע געמיינדע אין ווידאווע.
קאנדידאטען, וואס בעזיצען די קוואליפיקאציעס (Dz. U. 75 poz. 593, 1931) דארפען זיך מעלדען אין פערלויף פון א חודש, רעכענדיג פון 24. מערץ ד. י.
די יודישע געמיינדע אין ווידאווע.

יין כשר לפסח!
מיר מאכען בעקאנט אינזער ג' קונדשאפט, אז דער איינצעל-פערקויף פון דער וויין-און מעהד-פאבריק פירמע
„פראגרעס"
אלטער מארק 2, וואס עקזיסטירט מיט דעם גרעסטען ערפאלג
איז איבערגעטראגען געווארען
איז פראנט-געוועלב, אלטער מארק 1.
צוליב רעקלאמע פון ניי-ערעפענטען געוועלב, פערקויפען מיר
א פלאש פון 1/4 ליטער גוטען ראזינען-וויין נומ' 6 נור 75 גר.
און 1/4 ליטער דעם בעוואוסטען ראזינען-וויין נומ' 7 נור 85 גר.
איבערצייגט אייך מיט אייער פאמיליע, אז הנאה האבען פון גוטען וויין, וואס קאסט נישט טייער איז נאר ביי דער פירמע „פראגרעס".
מיט אכטונג וויין- און מעהד-פאבריק
פירמע „פראגרעס"
אלטער מארק 2, טעל. 184-82
פאר לערע פירטעל ליטערדיגע פלעשער פון פירמע „פראגרעס" צאהלען מיר 5 גר. פאר באטשינקע און קווארט-פלעשער—10 גר.

מזל-טוב
א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער פריינד
ה' זלמן הערש געלבארד און פרוי
צו דער חתונה פון זייער ליבען זוהן
ה' ישראל שלום מיט פרל. רחל בלומשטיין
מיר ווינשען זיי צו דערלעבען פיל נחת און פרייד, ווי אויך דעם יונגען פאר ווינשען מיר א גליקליך צוזאמענלעבען.
ברוך קלין און פרוי.

עכטען גוטען און כשר'ן
וויין
צו די ביליגסטע פרייזען
צו 75 און 65 גראשען
פאר א 1/4 ליטער
צו בעקומען ביי דער לאנג-יעהריגער בעוואוסטער פירמע
„בארווין"
אינה.: מענדיל בארנשטיין, לאדז
נאוואמיעסקא 30, טעל. 210-58

אנאנסען אין „נייעם פאלקסבלאט" האבען דעם גרעסטען ערפאלג

